# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................7:14
מוצאי שב"ק.....................8:46

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...................... שופטים יט - כ
בבלי................ בבא מציעא מה
ירושלמי...................... עירובין ל'
תוספתא.............. בבא קמא יא
רמב"ם...................... כלאים ב


פרשת תזריע, ד' ניסן, שנת תשפ"ד לפ"ק — שנה 13, גליון 28 (646)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

בָּדָד יֵשֵׁב מִחוּץ לַמַּחֲנֶה מוֹשָׁבוֹ. אַ מְצֹרָע זִיצְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי מַחֲנֶה, אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י"ד), אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ ווִיל הָאבְּן שָׁלוֹם, עֶר ווִיל לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, מִיט זַיין ווַייבּ, אוּן מִיט זִיךְ אַלֵיין; דַארְף עֶר הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר דַארְף ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקְן שְׁטֶענְדִיג אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט. אֵיינְמָאל מֶען נֶעמְט זִיךְ דָאס אַרַיין אִין קָאפּ, קְרִיגְט מֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, ווַייל מֶען ווֵייסְט אַז קֵיינֶער אִיז גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג, אַלֶעס הָאט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט צוּם גוּטְן.

צְווִישְׁן דִי דְרֵיי סָארְט שָׁלוֹם ווָאס דֶער רֶבִּי דֶערְמַאנְט, שָׁלוֹם מִיט אַנְדֶערֶע, שָׁלוֹם אִינְדֶערְהֵיים, אוּן שָׁלוֹם מִיט זִיךְ; אִיז זִיכֶער דִי גְרִינְגְסְטֶע צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, ווַייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָאךְ נִישְׁט מְשֻׁעְבָּד צוּ יֶענֶעם, עֶר אִיז גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג פַאר יֶענֶעם, אוּן אַז מֶען קוּמְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס מִיט אֵיינֶעם, קֶען מֶען גֵיין אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט, נִישְׁט הָאבְּן צוּ טוּן מִיט יֶענֶעם, צוּמָאל אִיז בֶּעסֶער פַאר שָׁלוֹם צוּ זַיין אַבִּיסְל ווַייט אָפְּגֶערוּקְט פוּן יֶענֶעם, אוּן אַזוֹי ווֶעט מֶען זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, אוּן דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, אַז עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוֹיס פוּן אַלֶע סָארְט מַחְלוֹקֶת.

ווֶען עֶס קוּמְט אָבֶּער אִין שְׁטוּבּ, מֶען דַארְף הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, אִיז עֶס שׁוֹין אַבִּיסְל שְׁווֶערֶער, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן דֶעם, דָארְף מֶען זַיין זֵייעֶר קְלוּג אוּן זִיכֶער מַאכְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער יְסוֹד אִין עֲבוֹדַת ה', אַ מֶענְטְשׁ ווָאס הָאט נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת קֶען נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אַסַאךְ אַרְבֶּעטְן אוֹיף דֶעם, טוּן אַלֶע פְּעוּלוֹת אִין דִי וֶועלְט, אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִינְדֶערְהֵיים, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט בֶּאֱמֶת יִרְאַת שָׁמַיִם.

דִי ווִיכְטִיגְסְטֶער כְּלָל אִין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז, "זַיי קְלוּג אוּן נִישְׁט גֶערֶעכְט", ווֶער עֶס בְּלַייבְּט גֶערֶעכְט אִינְדֶערְהֵיים, בְּלַייבְּט נָאכְדֶעם אָן קַיין הֵיים בִּכְלַל... אֲפִילוּ ווֶען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיכֶער בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז גֶערֶעכְט, זָאל עֶר אַלְץ מְוַותֵּר זַיין אוּן גֶעבְּן גֶערֶעכְט פַאר דִי ווַייבּ, ווַייל אוֹיבּ נִישְׁט ווֶעט נָאר עֶר אַלֵיין לַיידְן פוּן דֶעם. מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל אִיז מֶען מְוַותֵּר, אוּן עֶס הֶערְשְׁט אַ גֶעשְׁמַאקֶע שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ.

דִי שְׁווֶערְסְטֶע סָארְט שָׁלוֹם אִיז אָבֶּער צוּ זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ אַלֵיין, ווַייל ווֶען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם, קוּמֶען אִים אַרַיין אִין קָאפּ אַלֶע סָארְט מַחְשָׁבוֹת פוּן יֵאוּשׁ אוּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, עֶר טְרַאכְט אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט ווֶערְד, עֶר ווֶעט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, עֶס אִיז אַזוֹי ווִי אֵיינֶער שְׁטֵייט אִים אוֹיפְ'ן קָאפּ אוּן הַאלְט אִין אֵיין אִים אַרָאפְּקְלַאפְּן, עֶר קֶען אָבֶּער נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן יֶענֶעם, ווַייל עֶס אִיז דָאךְ דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין. דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם אוֹיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן, זָאגְן צוּ זִיךְ אַלֵיין, "אִיךְ בִּין יָא גוּט, אִיךְ קֶען אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ קֶען אוֹיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ קֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט", אוּן אַז מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ אַלְץ מֶער אוּן מֶער, ווֶעט מֶען זִיכֶער צוּם סוֹף צוּקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן ווָאס מֶען קֶען נָאר צוּקוּמֶען.

צוּ דִי אַלֶע זַאכְן קֶען מֶען אָבֶּער נָאר צוּקוּמֶען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, ווֶען מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גֶעדֶענְקְט אַז אַלֶעס אִיז נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶעס.

דֶער מְצֹרָע אִיז דָאךְ גֶעוָוארְן קְרֶעצִיג ווַייל עֶר הָאט גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע, עֶר הָאט גֶעמַאכְט מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, אוּן דָאס אִיז גֶעקוּמֶען ווַייל עֶר הָאט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדֶענְקְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, אוּן דֶערְפַאר אִיז זַיין תִּיקּוּן אַז עֶר זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי מַחֲנֶה, עֶר זָאל זִיצְן אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן, עֶר קֶען צוּ קֵיינֶעם נִישְׁט רֶעדְן, עֶר קֶען נִישְׁט פִירְן קַיין מַחְלוֹקֶת, נָאר אֵיין זַאךְ קֶען עֶר טוּן, עֶר קֶען זִיךְ אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוּן זֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן נָאר צוּ אִים קֶען מֶען רֶעדְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, בָּדָד יֵשֵׁב מִחוּץ לַמַּחֲנֶה מוֹשָׁבוֹ. ווֶען דֶער מְצֹרָע זִיצְט אִינְדְרוֹיסְן אַלֵיין אִיז עֶר נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן ווֶען עֶר ווֶעט אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווֶעט עֶר בַּאקוּמֶען יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן עֶר ווֶעט שׁוֹין אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן לָשׁוֹן הָרַע אוּן פִירְן מַחְלוֹקֶת, אוּן עֶר ווֶעט הָאבְּן אַ גוּטֶע, פְרֵיילִיכֶע, אוּן עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן. (תּוֹךְ הַנַּחַל תַזְרִיעַ מְצֹרָע תשס"א)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### לָשׁוֹן הָרַע

דֶער אִיסוּר פוּן רֶעדְן אוּן הֶערְן לָשׁוֹן הָרַע אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ. חֲזַ"ל זָאגְן (עֲרָכִין ט"ו:) אַז לָשׁוֹן הָרַע אִיז עֶרְגֶער פוּן דִי דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (פְּסָחִים קי"ח) אַז אֵיינֶער ווָאס רֶעדְט אָדֶער הֶערְט אוּן נֶעמְט אָן לָשׁוֹן הָרַע, אִיז רָאוּי עֶר זָאל גֶעוָוארְפְן ווֶערְן פַאר דִי הִינְט. דָאס אִיז ווַייל דָאס אִיז דִי סֵדֶר פוּן הִינְט אַז זֵיי בִּילְן שְׁטֶענְדִיג, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז דֶער ווָאס אִיז פַארְנוּמֶען מִיט לָשׁוֹן הָרַעְ'ס, עֶר אִיז אֵייבִּיג פַארְנוּמֶען צוּ בִּילְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דָאס זַיין עוֹנֶשׁ.

לֵיידֶער ווֶערְט יֶעדֶער נִכְשָׁל אִין דֶעם, אֵיינֶער מֶער אוּן אֵיינֶער ווֵיינִיגֶער. חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא קס"ה.) אַז יֶעדֶער ווֶערְט נִכְשָׁל אִין לָשׁוֹן הָרַע, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט רֵיין פוּן דֶעם.

<<<<<<

## א גוט ווארט

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין אִין דִי שְׁלֹשִׁים יוֹם קוֹדֶם הַפֶּסַח אוּן מֶען אִיז שׁוֹין עוֹסֵק אִין אוֹיסְרוֹימֶען דֶעם חָמֵץ וְכוּ', דַארְף מֶען אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען ווָאס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם ווָאס אִיז זִיךְ גֶעקוּמֶען אָפְּרֶעדְן צוּ אִים אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין גֶעלְט אוֹיף פֶּסַח, רֶבִּי נָתָן הָאט אִים מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: **"אוֹיף פֶּסַח ווֶעט זַיין, אָבֶּער ווִי נֶעמְט מֶען דֶעם פֶּסַח אַלֵיין?"** מֶען זֶעט בְּחוּשׁ אַז ווֶען עֶס קוּמְט אָן דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח הָאט לְמַעֲשֶׂה יֶעדֶער אֵיינֶער ווַיין, מַצּוֹת אוּן כָּל טוּב וְטוּב; אִידְן פַארְטֵיילְן שְׁווֶערֶע גֶעלְטֶער פַאר צְדָקָה, מֶען טֵיילְט מַצּוֹת אוּן אַלֶע סָארְטְן עֶסְן וְכוּ' וְכוּ', הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: **"אוֹיף פֶּסַח ווֶעט זַיין, אָבֶּער ווִי נֶעמְט מֶען דֶעם פֶּסַח אַלֵיין?"** ווִי נֶעמְט מֶען דֶעם פֶּה-סָח - דָאס רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. מִיר דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ רֶעדְן צוּ דִיר אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס קוּמְט פוּן דִיר. הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, אַ רֵיינֶע מֹחַ אוּן אַ רֵיינֶע הַארְץ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אוֹיסְרֵיינִיגְן מַיינֶע אֵבָרִים זֵיי זָאל נִישְׁט זַיין חָמֵצְ'דִיג פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע".**

**אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א**

# פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ** יוֹם ה' פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ, כ"ח אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ו לפ"ק

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער נֵרוֹ יָאִיר**

מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ גֶעוֵויין, זָאגְנְדִיג: "רֶבִּי, מַיין פַּרְנָסָה גֶעבֶּער אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן"! דֶער אִיד הָאט גֶעהַאט אַ קוּ, אוּן עֶר פְלֶעגְט מֶעלְקְן דִי קוּ אוּן פַארְקוֹיפְן דִי מִילְךְ, אוּן פוּן דֶעם הָאט עֶר גֶעהַאט פַּרְנָסָה, הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי קוּמְט עֶר אַרַיין אִין שְׁטַאל אוּן טְרֶעפְט זַיין קוּ טוֹיט, דֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט אִים גֶעוָואלְט בַּארוּאִיגְן, אָבֶער דֶער אִיד וֵויינְט אוּן שְׁרַייט אַז עֶר גֵייט שׁוֹין שְׁטַארְבְּן פַאר הוּנְגֶער וַוייל עֶר הָאט מֶער נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה, זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים: "דַיין פַּרְנָסָה גֶעבֶּער אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן עֶר וֶועט דִיר וַוייטֶער גֶעבְּן פַּרְנָסָה, חַס וְשָׁלוֹם צוּ טְרַאכְטְן אַז דַיין פַּרְנָסָה אִיז גֶעקוּמֶען פוּן אַ קוּ, נָאר דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ הָאסְט גֶעהַאט פַּרְנָסָה אִיז גֶעוֶוען דוּרְךְ דִי קוּ, אוּן יֶעצְט וֶועט קוּמֶען דַיין פַּרְנָסָה דוּרְךְ אַן אַנְדֶערֶע וֶועג.

דִי מַעֲשֶׂה דַארְף מֶען גוּט אַרַיינֶעמֶען אִין זִיךְ, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן פַאר אֵיין מִינוּט אַז דִי פַּרְנָסָה קוּמְט פוּן דִי אַרְבֶּעט, אוּן אוֹיב מֶען וֶועט פַארְלִירְן דִי אַרְבֶּעט וֶועט מֶען אוֹיסְגֵיין פַאר הוּנְגֶער וְכוּ', אָדֶער אַנְדֶערֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ: 'וָואס וֶועט זַיין?' 'וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן גֶעלְט?' נָאר אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ שׁוֹין זַיינֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי עֶר הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן כִּמְעַט בַּיי יֶעדֶע שִׁיעוּר: "אַז מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן, הָאט מֶען אַ דָבָר שֶׁבִּמְנְיָן (גֶעלְט)", וַוייל פַּרְנָסָה הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט אַ גוּטֶע קָאפּ אָדֶער גוּטֶע הֶענְט וְכַדוֹמֶה, פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן, חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מו.): "שְׁכִינָה מַה לָשׁוֹן אוֹמֶרֶת, קַלַּנִי מֵרֹאשִׁי, קַלַּנִי מִזְּרוֹעִי", דִי קָאפּ טוּט מִיר וֵויי, דִי הֶענְט טוּט מִיר וֵויי; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז דֶער פְּשַׁט פוּן דֶעם אִיז, אַז אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: עֶס טוּט מִיר וֵויי צוּ הֶערְן וִוי מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז זֵייעֶר 'קָאפּ' בְּרֶענְגְט זֵיי פַּרְנָסָה, אָדֶער אַז זֵייעֶרֶע גֶעלוּנְגֶענֶע 'הֶענְט' בְּרֶענְגְט זֵיי הַצְלָחָה. אוּן וֶועגְן דֶעם טוּט מֶען יֶעדְן טָאג אָן תְּפִילִין אוֹיף דִי הֶענְט אוּן אוֹיפְן קָאפּ, צוּ וַוייזְן: אִיךְ בִּינְד צוּ מַיינֶע הֶענְט אוּן מַיין קָאפּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הֵייסְט, אִיךְ גְלֵייב אַז אַלֶעס קוּמְט פוּן אִים, מַיין גַאנְצֶע הַצְלָחָה אוּן מַיין גֶעלוּנְגֶענְקֵייט - אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיךְ לִיבֶּער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק דִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן, אוּן טְרַאכְט נִישְׁט וָואס וֶועט זַיין מִיט גֶעלְט, נָאר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים. עֶס אִיז דָא דִי מַעֲשֶׂה וָואס מֶען פַארְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער פַאר פֶּסַח, אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט גֶעהַאט אַ קְרֶעטְשְׁמֶע אוּן עֶר פְלֶעגְט זִיךְ מְפַרְנֵס זַיין פוּן דֶעם, קוֹים וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט צוּ לֶעבְּן, אָבֶער עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אֵיינְמָאל פַאר יוֹם טוֹב פֶּסַח פְרֶעגְט עֶם דֶער פָּרִיץ פוּן וואוּ וֶועסְטוּ הָאבְּן גֶעלְט אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח? זָאגְט עֶר: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן, עֶר גֶעט מִיר פַּרְנָסָה אַ גַאנְץ יָאר אוּן עֶר וֶועט מִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן יֶעצְט פֶּסַח אוֹיךְ נִישְׁט". דֶער פָּרִיץ הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף דֶעם אִיד, וָואס הֵייסְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט דִיר פַּרְנָסָה? אִיךְ גֶעבּ דִיר פַּרְנָסָה, אוּן וֶוען נִישְׁט מִיר הָאסְטוּ גָארְנִישְׁט! אוּן עֶר הָאט עֶם אָפְּגֶעזָאגְט פוּן זַיין פַּרְנָסָה, אוּן דֶער אִיד אִיז גֶעבְּלִיבְּן אָן אַ פַּרְנָסָה, אָבֶער דֶער אִיד הָאט זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, נָאר עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעהַאט אֱמוּנָה אוּן וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל עֶם נִישְׁט פַארְלָאזְן.

דֶער פָּרִיץ הָאט גֶעהַאט אַ מָאנְק"י אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט צֵיילְן זַיין גֶעלְט, עֶר הָאט גֶענוּמֶען יֶעדֶע רֶענְדְל אוּן גֶעקְלַאפְּט אוֹיף זַיין צֵיין צוּ הֶערְן פוּן דִי קוֹל אוֹיב עֶס אִיז עֶכְט גָאלְד אָדֶער פַאלְשׁ, אוּן אַ מָאנְק"י מַאכְט דָאךְ אַלֶעס נָאךְ, אוּן וֶוען דֶער פָּרִיץ אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן שְׁטוּבּ הָאט דֶער מָאנְק"י אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ עֶסְן גָאלְדֶענֶע מַטְבְּעוֹת בִּיז עֶס הָאט גֶע'פֶּגֶר'ט, דֶער פָּרִיץ אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען דֶעם נֶעקְסְטְן צוּפְרִי זֶעהט עֶר אַז זַיין מָאנְק"י אִיז טוֹיט, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט טְשֶׁעפֶּענֶען דֶעם אִיד. הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִי טוֹיטֶע מָאנְק"י אוּן גֶעהֵייסְן זַיין בַּאדִינֶער זָאל עֶס אַרַיין וַוארְפְן צוּם אִיד אִין שְׁטוּבּ, דֶער אִיד זִיצְט זִיךְ אִין זַיין שְׁטוּבּ אוּן אִינְמִיטְן הֶערְט עֶר אַ קְרַאךְ, אִיז עֶר גֶעלָאפְן קוּקְן זֶעט עֶר אַ טוֹיטֶע מָאנְק"י לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד, עֶר הָאט גְלַייךְ דֶערְקֶענְט אַז דָאס אִיז דִי מָאנְק"י פוּנֶעם פָּרִיץ, הֵייבְּט עֶר עֶס אוֹיף אַרוֹיס צוּ טְרָאגְן זֶעט עֶר וִוי עֶס פַאלְט אַרוֹיס פוּן דִי מָאנְקִי"ס מוֹיל גָאלְדֶענֶע מַטְבְּעוֹת, הָאט עֶר שׁוֹין גֶעהַאט אוֹיף יוֹם טוֹב.

פֶּסַח בַּיינַאכְט הָאט דֶער פָּרִיץ גֶעוָואלְט זֶען וָואס עֶס טוּט זִיךְ בַּיי דֶעם אִיד, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען קוּקְן, זֶעט עֶר וִוי דֶער אִיד זִיצְט וִוי אַ מֶלֶךְ מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער בַּיים טִישׁ הֶערְלִיךְ שֵׁיין, אַזוֹי וִוי אַלֶע אִידְן וָואס זֶען אוֹיס וִוי קֶענִיגְן פֶּסַח בַּיינַאכְט, הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, גֵייט עֶר אַרַיין אוּן פְרֶעגְט דֶעם אִיד פוּן וואוּ עֶר הָאט דָאס אַלֶעס, דֶערְצֵיילְט עֶם דֶער אִיד דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, הָאט שׁוֹין דֶער פָּרִיץ גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעט פַּרְנָסָה.

פְרֶעגְט מִיךְ אֵיינֶער, פַארְוָואס נָאר אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן מָאנְקִי"ס, אוּן הַיינְט הֶערְט מֶען נִישְׁט אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן מָאנְקִי"ס?! עֶנְטְפֶער אִיךְ עֶם: "אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג מַעֲשִׂיּוֹת פוּן מָאנְקִי"ס וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט מִיר", אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט עֶם יֶעדְן טָאג, עֶר מֵיינְט אַז עֶר גֶעבְּט זִיךְ אַן עֵצָה אַלֵיין, אָבֶער אַז מֶען לֵייגְט צוּ קָאפּ זֶעט מֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט הַיינְט נִסִּים וְנִפְלָאוֹת.

**אַ גוּטְן טָאג.**



<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען יָא נִיצוּל וֶוערְן פוּן דִי הַארְבֶּע זַאךְ, אִיז נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה. צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין קַיין לָשׁוֹן הָרַע. אוּן נָאר מִיט דִי הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דֶעם.

דִי בֶּעסְטֶע אִיז וֶוען מֶען טוּט דָאס אִינְדֶערְפְרִי, גְלַייךְ נָאכְן זָאגְן בִּרְכַּת הַתּוֹרָה לֵייגְט מֶען צוּ אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן דֶעם טָאג אִין לָשׁוֹן הָרַע.

אוּן מֶען טָאר נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען אִיז יָא דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט לָשׁוֹן הָרַע, נָאר זִיךְ שְׁטַארְקְן כָאטְשׁ פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער נִישְׁט צוּ רֶעדְן קַיין לָשׁוֹן הָרַע. וַוייל יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען הָאט זִיךְ צוּרִיק גֶעהַאלְטְן פוּן רֶעדְן אַ לָשׁוֹן הָרַע אִיז שׁוֹין זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר, אֵיין וָוארְט לָשׁוֹן הָרַע וֵוינִיגֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען יֶעדֶע מָאל בַּאזוּנְדֶער פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּרִיק צוּ הַאלְטְן אוּן נִישְׁט רֶעדְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעט מֶען אַז וֶוען אֵיינֶער קוּמְט זָאגְן אַ לָשׁוֹן הָרַע וֶוערְט עֶס גְלַייךְ אָנְגֶענוּמֶען. אֲפִילוּ וֶוען דֶער לָשׁוֹן הָרַע אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס מֶען קֶען אִים, אוּן מֶען הָאט אֵייבִּיג גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז עֶרְלִיךְ אוּן גוּט. וֶוען אֵיינֶער קוּמְט אָבֶער מִיט אַ גוּטֶע לָשׁוֹן הָרַע אוֹיף יֶענֶעם וֶועט מֶען עֶס גְלַייךְ אָנְנֶעמֶען.

דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט דָאס אַז עֶס זָאל זַיין אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ הֶערְן אַ לָשׁוֹן הָרַע, אוּן אַז מֶען זָאל עֶס גְלַייךְ אָנְנֶעמֶען. מֶען טָאר זִיךְ אָבֶער נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אָנְנֶעמֶען קַיין שְׁלֶעכְטֶס אוֹיף צְוֵויטְן אִיד, אוּן דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז נָאר תְּפִלָּה, צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּאֱמֶת דַארְף זִיךְ אַ אִיד צוּגֶעווֶואוֹינֶען נִישְׁט צוּ דַארְפְן אֵייבִּיג הֶערְן אַלֶעס. אֵיינֶער וָואס מוּז זִיךְ אִיבֶּערָאל אַרַיינְשְׁטֶעקְן זַיין קָאפּ, עֶר מוּז אַלֶעס הֶערְן אוּן מִיטְהַאלְטְן, אַזַא אֵיינֶער אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז עֶר זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ הֶערְן זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט אוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט הֶערְן. אוּן אֵיינְמָאל מֶען הֶערְט זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, דַאן גֵייט עֶס אַרַיין אִין הַארְץ אַרַיין. וֶוערְטֶער הָאבְּן זֵייעֶר אַ

<<<<<<

גְרוֹיסֶע כֹּחַ, וֶוען מֶען הֶערְט זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט, אֲפִילוּ אוֹיף דִי מִינוּט זֶעט אוֹיס אַז מֶען הָאט עֶס נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען, גֵייט עֶס אָבֶּער אַרַיין אִין מֹחַ, אוּן דָאס קֶען נָאכְדֶעם שָׁאטְן פַארְן מֶענְטְשׁ.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (יִתְרוֹ עה:) "מַאן דְאָדְנוֹי רַבְרְבִין, טִפְּשָׁא בְּלִיבֵּיהּ" - וֶוער עֶס הָאט גְרוֹיסֶע אוֹיעֶרְן, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט טִפְּשׁוּת אִין זַיין הַארְץ. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גְרוֹיסֶע אוֹיעֶרְן, זֵיי דַארְפְן אִיבֶּערָאל אַרַיינְשְׁטֶעקְן זֵייעֶר אוֹיעֶר, זֵיי דַארְפְן אַלֶעס הֶערְן אוּן מִיטְהַאלְטְן. דָאס אִיז נִישְׁט קַיין סִימָן פוּן חָכְמָה נָאר פוּן טִפְּשׁוּת. אַן אֱמֶת'עֶר חָכָם, זִיצְט זִיךְ אִין זַיין וִוינְקְל אוּן עֶר שְׁטוּפְּט זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִיבֶּערָאל, עֶר וֵוייסְט אַז וָואס עֶר דַארְף הֶערְן - וֶועט עֶר מְמֵילָא הֶערְן, אוּן וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט הֶערְן - אִיז טַאקֶע בֶּעסֶער אַז עֶר זָאל עֶס נִישְׁט הֶערְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה י"ג) וֶועגְן דֶעם טוֹיבְן בֶּעטְלֶער, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהֶערְט וָואס מֶענְטְשְׁן רֶעדְן, אוּן טַאקֶע דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זי"ע הָאט אִין זַיינֶע עֶלְטֶערֶע יָארְן שְׁוַואךְ גֶעקֶענְט הֶערְן. הָאט עֶר דַאן גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס דַארְף אִיךְ גוּט הֶערְן? וָואס אִיךְ וִויל זָאגְן - זָאג אִיךְ, אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט - אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט, מְמֵילָא פַארְוָואס דַארְף אִיךְ הֶערְן?"

דֶער צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זי"ע, דֶער זֵיידֶע פוּן רֶבִּי'ן, הָאט גֶעהַאט דִי מִידָה אַז עֶר הָאט מַמָשׁ נִישְׁט גֶעהֶערְט אַ זַאךְ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַארְפְט הֶערְן, דָאס אִיז גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל צוּקוּמֶען צוּ דֶעם צוּ הֶערְן נָאר וָואס עֶר דַארְף.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעזִיצְן צוּזַאמֶען מִיט נָאךְ תַּלְמִידִים פַאר זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דַאן גֶערֶעדְט צוּ דִי אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וִוי רֶבִּי נַחְמָן בֵּייגְט זִיךְ צוּ אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ הֶערְן, עֶס אִיז זֵיי גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט. הָאט זֵיי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: אִיר זָאלְט וִויסְן אַז עֶר הֶערְט בִּכְלַל נִישְׁט וָואס אִיךְ רֶעדְט יֶעצְט, עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז עֶר הָאט גֶע'פּוֹעֶל'ט אַז עֶר זָאל מַמָשׁ נִישְׁט הֶערְן וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט, אוּן דֶערְפַאר הֶערְט עֶר נִישְׁט וָואס אִיךְ זָאג יֶעצְט, אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי מַיין מוֹיל שָׁאקְלְט זִיךְ הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעבּוֹיגְן צוּ קֶענֶען הֶערְן.

דִי סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז פַארְנוּמֶען צוּ הֶערְן אוּן רֶעדְן נַארִישְׁקֵייטְן אִיז נָאר וַוייל עֶר גֵייט לֵיידִיג. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט לֵיידִיג, עֶר טוּט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, פִילְט עֶר נִישְׁט קַיין סִיפּוּק אִין לֶעבְּן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים אַז עֶר זָאל וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, עֶר הָאפְט אַז אַזוֹי וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען זַיין סִיפּוּק. אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָאס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין סִיפּוּק, מֶען דַארְף נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זַיין פַארְנוּמֶען מִיט גוּטֶע זַאכְן, מִיט לֶערְנֶען, מִיט דַאוֶונֶען, אוּן מִיט טוּן מִצְוֹת, דָאס בְּרֶענְגְט יָא סִיפּוּק פַארְן מֶענְטְשׁ, אוּן אֵיינְמָאל מֶען בַּאקוּמְט סִיפּוּק פוּן גוּטֶע זַאכְן פֶעלְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס צוּ רֶעדְן אוּן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט הֶערְן וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט, נָאר זַיין פַארְנוּמֶען מִיט גוּטֶע זַאכְן שְׁטֶענְדִיג. וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק ה' וְחֵלֶק י"ב עֶרֶךְ לָשׁוֹן הָרַע, וְחֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ שְׁמִיעָה)



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ גְרֵייטְן פְרֵיילִיכֶערְהֵייט צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח?

***שְׁאֵלָה:***

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיוו וָואס אִיר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב, דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, צוּ זֶען ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּ א יוֹם טוֹב מִיט רוּאִיגְקֵייט אוּן שִׂמְחָה, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אוֹיבּ אִיר קֶענְט שְׁרַייבְּן נָאךְ אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן פֶּסַח, ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּם יוֹם ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין פוּן אַ רוּחָנִיוּת'דִיגֶע שְׁטַאנְדְפּוּנְקְט. אוּן אוֹיךְ אוֹיבּ אִיר קֶענְט שְׁרַייבְּן ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ אוּמְגֵיין מִיטְ'ן רֵיינִיגְן לִכְבוֹד פֶּסַח, ווִי אַזוֹי מֶען קֶען דָאס טוּן אוֹיף אַ נָארְמַאלְן אוֹפֶן, נִישְׁט מִיט קֵיין מְשׁוּגַעַת'ן.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ** יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי, י"ח אַדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ פַארְבְּרֶענְט עֶר אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן זֵיי קֶענֶען נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שְׁלִיטָה אוֹיף אִים, וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּנֶעם סָמֶךְ מֵם אִיז עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וֵויינֶען אוּן קְלָאגְן, מַה שֶּׁאֵין כֵּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א טז, כז): "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ", עֶס הֶערְשְׁט אַ שִׂמְחָה; אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת ל:): "אֵין הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה אֶלָּא מִתּוֹךְ שִׂמְחָה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּהְט נִישְׁט בַּיי אֵיינֶעם וָואס אִיז טְרוֹיעֶרִיג, נָאר בַּיי אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז עֶר בַּיי דִי קְדוּשָׁה אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט, וֶוען א מֶענְטְשׁ אִיז בְּעַצְבוּת אִיז עֶר בַּיי דִי טוּמְאָה. דָאס אִיז דִי וֶועג ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ מֶעסְטְן וואוּ עֶר הַאלְט אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה, וַוייל דָאס אִיז דֶער שְׁלִיסְל צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן צוּ אַלֶע הֵיילִיגְקֵייטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה, הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן דָאס אִיז אַ שְׁמִירָה אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִילִים קד, לד-לה): "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה', יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ, וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם", וֶוען אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז: יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ - אִיז מֶער נִישְׁט דָא קֵיין עֲבֵירוֹת (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קסט).

בִּפְרָט וֶוען מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ דֶעם גְרוֹיסְן יוֹם טוֹב פֶּסַח וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דִי טוּמְאָה, וַוייל פֶּסַח גֵייט דָאךְ יֶעדֶער אִיד אַרוֹיס פוּן גָּלוּת מִצְרַיִם אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קטז:): "חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם", דַארְף מֶען נָאכְמֶער מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף שִׂמְחָה, וַוייל אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע אוּן זוּכְט ווִי אַזוֹי עֶר קֶען אוֹיפְרֶעגְן דֶעם אִיד, ווִי אַזוֹי עֶר קֶען אִים אַוֶועק גַנְבֶ'נֶען זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן זַיינֶע קְדֻשּׁוֹת, עֶר זוּכְט ווִי אַזוֹי עֶר קֶען מַאכְן אַז דֶער טַאטֶע זָאל זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף דִי קִינְדֶער, אָדֶער מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן זִיךְ צוּאַמְפֶּערְן וְכוּ'.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן גֶעדֶענְקֶען נִישְׁט צוּ שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אִין שְׁטוּבּ; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז 'שְׁטוֹיבּ אִיז חָמֵץ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען דִי קָרְבָּן פֶּסַח'. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: "מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען וֶוען מֶען מַאכְט פֶּסַח'דִיג אַז שְׁטוֹיבּ אִיז נִישְׁט קֵיין חָמֵץ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קֵיין קָרְבָּן פֶּסַח", אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז אַ מַשֶּׁהוּ כַּעַס אִיז מִדְּאוֹרַיְתָא אוּן אַ מַשֶּׁהוּ עַצְבוּת אִיז חָמֵץ גָּמוּר - אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט נִישְׁט קֵיין בִּיטוּל אַ גַאנְץ יָאר.

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹות בִּפְשִׁיטוּת, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב, סִימָן יב): "וְעִקָּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ פָּשׁוּט אָן קֵיין חָכְמוֹת.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק קֶעגְן חוּמְרוֹת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה) וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה ג.): "אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא עִם בְּרִיּוֹתָיו", נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת כה.): "לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר מַלְאָכִים נָאר פַאר אוּנְז מֶענְטְשְׁן לוֹיט דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען דָאס מְקַיֵּים זַיין; דָאס אִיז לְגַבֵּי סְתָּם חוּמְרוֹת, אָבֶּער אֲפִילוּ אוֹיף דָאס וָואס שְׁטֵייט פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע (עַיֵּין בְּסֵפֶר חֲרֵדִים, פֶּרֶק סא) אַז יֶעדֶער אִיד זָאל נֶעמֶען אַ מִצְוָה וָואס אִין דֶעם וֶועט עֶר זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוּן מַחְמִיר זַיין מִיט אַלֶע הִדּוּרִים וְכוּ׳, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין דִי גְמָרָא (שַׁבָּת קיח:): "אָבִיךְ בְּמַאי זָהִיר טְפֵי׳ וְכוּ׳", מִיט דֶעם אַלֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַרֵיינְלֵייגְן אִין דִי מִצְוָה חוּמְרוֹת פוּן שְׁטוּת, שִׁגָּעוֹן אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, מֶען מֵיינְט נָאר צוּ זָאגְן אַז עֶר זָאל נֶעמֶען אֵיין מִצְוָה וָואס אִין דֶעם מִצְוָה זָאל עֶר מְדַקְדֵק זַיין אָן קֵיין נַארִישֶׁע חוּמְרוֹת. הַלְוַואי זָאלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים זַיין אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִין דִי תּוֹרָה בִּפְשִׁיטוּת, וַוייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה וּמִצְווֹת; עַיֵּין שָׁם.

אֲפִילוּ לְגַבֵּי חוּמְרוֹת אוּם פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעהַאלְטְן אַז מֶען זָאל מַקְפִּיד זַיין מִיט חוּמְרוֹת וָואס בְּרֶענְגְט מָרָה שְׁחוֹרָה; דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג אוּן עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעוואוּסְט דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן חוּמְרוֹת וְכוּ׳ אִיז עֶר אוֹיךְ אַרֵיין גֶעפַאלְן אִין דֶעם. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן; יֶעדֶעס מָאל אִיז אִים אַרֵיינְגֶעקוּמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ חוּמְרוֹת, בִּיז אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'וָואס טוּט מֶען צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אָן קֵיין חֲשַׁשׁ חָמֵץ?' דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דֶער סֵדֶר אַז מֶען פְלֶעגְט אָנְשֶׁעפְּן וַואסֶער פַאר גַאנְץ פֶּסַח, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט אַזוֹי אוֹיסְגֶעהַאלְטְן וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּהִיטְן דִי וַואסֶער פַאר דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב אַז עֶס זָאל נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם קֵיין מַשֶּׁהוּ חָמֵץ, בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס בֶּעסְטֶע וַואסֶער וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען "קְוַואל וַואסֶער", וַוייל אַ קְוַואל הַאלְט דָאךְ אִין אֵיין קְוֶועלְן פְרִישֶׁע וַואסֶער כְּסֵדֶר אָן קֵיין שׁוּם חֲשַׁשׁ חָמֵץ. אָבֶּער דָארְט וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין קְוַואל וַואסֶער, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַוֶועק צוּ פָארְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף יוֹם טוֹב צוּ אַ פְלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא אַ קְוַואל, אַזוֹי שְׁטַארְק זֶענֶען גֶעוֶוען זַיינֶע חוּמְרוֹת אוֹיף פֶּסַח; הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז הַיינְט דַארְף אִיךְ נִישְׁט קֵיין חוּמְרוֹת, הַיינְט וֵוייס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן נִישְׁט פַאר מַלְאָכִים, הַיינְט פְרֵיי אִיךְ זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹות אַלֵיינְס".

אַז מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר אַזַא הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב דַארְפְן מִיר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹות, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין הַקְדָּמַת סֵפֶר חֲרֵדִים) אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט דִי מִצְוֹות פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ מֶען זָאל אִים גֶעבְּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן דֶער וֶועלְט וָואלְט עֶר נִישְׁט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן קֵיין שׁוּם מִצְוָה.

אַז אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹות אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין קוּשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת שִׂמְחָה א) "כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹות וָואס עֶר טוּט, אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ד)

**נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳**

## ווערכענטליכע עצתו אמונה נעמט אן ספאנסערס

די ששת ימי המעשה זענען שוין דורך, און דער שבת המלכה איז אנגעקומען, א מחיה, די שענסטע מתנה וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן, מען האט אביסל צייט פאר זיך, מען קען זיך אפגעבן מיט די ווייב און קינדער, מען קען פארברענגען אין שטובביים סעודה, און מיט די קינדער ביי אבות ובנים, מען כאפט אריין צו לערנען אביסל, און מען פילט זיך אן מיט פרישע געז פאר די קומענדיגע וואך דורך די "עצתו אמונה" קונטרס, וואס די געטרייע קרן הדפסה שיקט אפ ערליך כסדר, און מען שעפט זיך אן מיט עצות און חיזוק, וואס געבט כח צו גיין נאך א וואך.

עס איז ליידער דא ביי וועם די געשיכטע גייט אנדערש, שבת מיינט ביי זיי "דאס טאר מען נישט, יענץ טאר מען נישט", "איך האב נישט קיין נערוון צו מיין ווייב", "וואו קען מען גיין צו א שלום זכור, א קידוש, א שבע ברכות".

מיר דארפן דאנקען דעם אויבערשטן אז מיר ווייסן פון אן אויסוועג. ווילאנג נעמט פון ווען מען הערט אויף צו הערן דעם קול פונעם צדיק, אויב די בריוון פון עצתו אמונה ווערט ח"ו אלטע נייעס, מען הייבט אן טראכטן "נאכאמאל די זעלבע זאך", "נאכאמאל רעדן שיין צו די ווייב", "ש׳כח אייבערשטער", ביז ווען דער שבת זעט אויס ווי די צווייטע מעשה?

יעצט ווען אנשי שלומינו באקומען די געלעגנהייט צו קויפן די זכות פונעם קונטרס עצתו אמונה וואס קומט ארויס יעדע וואך אזוי ערליך, דער ראש ישיבה שליט"א איז זיך מוסר נפש צו ענטפערן די פילע אנפרעגער, און די מכון עצתו אמונה מיט די קרן הדפסה געבן זיך אפ געטריי עס מסדר צו זיין און אפדרוקן הערליך און קלאר, אז עס זאל זיין כשלחן הערוך ומוכן לאכול, און געבט חיות פאר טויזנטער אידן.

כדי צו דעקן די הוצאות און איינוועגס געבן די געלעגנהייט פאר אונז אלע צו קענען קויפן דעם גרויסן זכות, ווען אנשי שלומינו באקומען די מעגליכקייט צו ווערן די "ספאנסער פון די וואך", וואס וועט ווערן ארויפגעדרוקט אויפן דעקל מיט שיינע גרויסע אותיות. צו סיי וועלכע געלעגנהייט, במקום סעודת הודאה, לרגל א שמחה, א זכות פאר א ישועה, אדער סיי ווען, רופט דעם גבאי מו"ה לייבי ראטה הי"ו אויף 347-578-4449, און כאפט דעם זכות פון א קונטרס ווילאנג די אויסוואל פון וואכן איז נאך גרויס.

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **נחמן ישראל יאקאבאוויטש** הי"ו
קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
***
מו"ה **חיים מרדכי אלבוים** הי"ו ירושלים
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

## א פרייליכן פסח

**שיעורים, דרשות, נוסח, שיר השירים,**
**סיפורי צדיקים, מסכת פסחים, און נאך,**
**לכבוד דעם פרייליכן יום טוב פסח**
**קול ברסלב**
**212-444-9191**
**1, 1, 9, 6**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**718-387-2691**
**און מיר וועלן אי"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

< BreslevCenter.com >